„דאָס איז געווען שמחה׳לע״ האָב איך איר געזאָגט „האָט ער כאָטש גוט הנאה געהאָט פונ׳ם עסען ?״

„ער איז שוין איינמאָל אַ פרעסער״, האָט זי געזאָגט, „ער האָט מיך שיער אויפגעגעסען. ער שלאָפט איצט ווי נאָך אַ חתונה״.

מיר האָבען זיך צוריקגעביטען מיט די בייביס.

זייט דאַן וויל מײַן שמחה׳לע זיך ניט צורירען צו דעם באָטעל צוקער־וואַסער: ער בענקט נאָך דער פוילישער שיקסע.

# דער גאַליציאַנער קאָמיסאַר

(אַ שפּיל אין צוויי בילדער)

פערזאָנען:

לאה
שואל
קאָמאַנדיר
משה שניידער
ר׳ שמריה

## 1טע בילד

### אין גאַס

(נאָכדעם ווי די רויטע אַרמיי איז אַריין אין שטעטעל)

ל א ה: אַ ווייטיג איז אינען און אַ בראָך איז צו מיר. ס׳איז געניג, אַז מיר זיינען גאַליציאַנער דאַרפען מיר נאָך ווערען באָלשעוויקעס.

ש ו א ל: וואָס זאָרגט עטץ זיך מעהר פון אַלעמען. וואָס ס׳וועט זיין מיט אַלע אידען וועט זיין מיט אונז.

ל א ה: אוי! ס׳איז ביטער און זויער צו אַלע אידען און ס׳איז אַ בראָך צו אינען און צו מיר.

ש ו א ל: און עך זאָג, אַז אונזער שטעטיל דאַרף זיך ניט זאָרגען. וואָסי? די רויטע אַרמיי איז אַריין. וואָס קען זי טוען? זי וועט ביי אונז צונעמען די פרנסה. אַז מיר האָבען דאָ ניט קיין איין אידען וואָס האָט פרנסה.

ל א ה: און וואָס וועט עטץ טוען, אַז זי וועט אינען ניט לאָזען דאַווענען?

ש ו א ל: אַרט מעך ניט. אַז עך האָב גאָר פיינט צו דאַווענען. אָבער אַז מען טאָר ניט עסען פאַר׳ן דאַווענען מוז מען דאַווענען. אָבער אַז ס׳וועט זיין פאַרבאָטען בין איך פריי.

ל א ה: דוכט זיך אַז דער רויטער קאָמאַנדיר גייט (הויבט אָן וויינען) ווי איז צו אונז און צו אינען און צו אַלע גאַליציאַנער.

ש ו א ל: הערט אויף וויינען. מען האָט איצט פאַרבאָטען צו וויינען.

ל א ה: פאַרוואָס?

ש ו א ל: זיי זאָגען, אַז מיר זענען באַפרייט און מיר טאָרען ניט וויינען. בלויז אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער וויינט מען. אין אַמעריקע וויינט מען.

ל א ה: ווי איז מיר. טאָמער וויל איך האָבען אַ ביסעל פאַרגעניגען און וויינען טאָר איך ניט...

(קאָמאַנדיר קומט צו. אַלע פאַרנייגען זיך פאַר אים)

ק אָ מ אַ נ ד י ר: איר האָט עפּעס פּראָלעטאַריער?

ש ו א ל און ל א ה (ביידע קוקען זיך אָן): וואָע?

ק אָ מ אַ נ ד י ר: איך מיין פּראָלעטאַריער.

ש ו א ל: מיר האָבען אַ רב וואָס זאָל געזונד און שטאַרק זיין.

ל א ה: צוויי דיינים, זיי זאָלען מאריך ימים זיין.

ש ו א ל: און עטליכע שוחטים.

ק אָ מ אַ נ ד י ר: דאָס זיינען בורזשויען.

ש ו א ל און ל א ה: וואָע?

ק אָ מ אַ נ ד י ר: איך מיין פּראָלעטאַריער.

ש ו א ל: פּראָלעטאַט! יאָ, מיר האָבען שמשים, אַ כתובה־שרייבער.

ל א ה: אַ קברן.

ש ו א ל: אַ איד וואָס האַנדעלט מיט אתרוגים.

ק אָ מ אַ נ ד י ר: דאָס זיינען קליינבירגער. איך מיין אַזעלכע, וואָס אַרבייטען שווער און ביטער.

ל א ה: פאַראַן אַזעלכע. מיר האָבען אַ איד וואָס פאַרקויפט קוואָס. ער שרייט אַ גאַנצען טאָג: „קויפט אידען, קויפט” און קיינער קויפט ניט.

ק אָ מ אַ נ ד י ר: ניין, ניין. איך פאַרלאַנג אַן אַרבייטער.

ש ו א ל: מיר האָבען איינעם. ער בעזימט פלייצעס פון אידען יעדען פרייטאָג אין באָד. ער שוויצט אַ סך און פאַרדינט ווייניג.

ק אָ מ אַ נ ד י ר: דער אַרבייט דאָך בלויז פרייטאָג. איך וויל אַ פּראָלעטאַריער.



ש ו א ל: עטץ ווילט אַזעלכע וואָס אַרבייטען יעדען טאָג? אַ פּראָלעטאַט? — פאַראַן.

ל א ה: יאָ. מיר האָבען שדכנים, וואָס לויפען אַרום טאָג און נאַכט. רעדען און רעדען, איינצורעדען אַ שידוך. זיי פירען צוזאַמען אַ וואַגט מיט אַ בוידעם און אַז ס׳האַלט שוין ביי אַ וועג צוקריגען זיך די מחותנת׳טעס און ס׳ווערט גאָרניט.

ק אָ מ אַ נ ד י ר: איך זוך אַ ריכטיגען אַרבייטער, אַ בעל־מלאכה.

ש ו א ל: עטץ מיינט אַ שוסטער, אַ קאָוואַל?

ק אָ מ אַ נ ד י ר: יאָ.

ל א ה: ביי אונז האַלטען זיך ניט קיין בעל־מלאכות. זיי ווילען ניט אויסגעהן פון הונגער.

ש ו א ל: און וואָס איז מיט משה דעם שניידער?

ל א ה: אים האַלט מען ניט פאַר קיין בעל־מלאכה. וואָס ער נייט טרענט זיך באַלד אויף. אָט איז משה!

(משה קומט אָן)

ק אָ מ אַ נ ד י ר: (רופט אים צו, משה גייט צו) דו ביזט אַן אַרבייטער, אַ שניידער?

מ ש ה: ניין. קיין גוטער שניידער בין איך ניט. קיין מונדירען קען איך ניט נייען. איך פאַרריכט בלויז שטריימלאַך, אידישע קאַפּאָטעס, טליתים.

ק אָ מ אַ נ ד י ר: איז דיין טאָטע געווען אַן אַרבייטער?

מ ש ה: אָ, ער איז געווען אַ גוטער שניידער. שוין איינמאָל אַ שניידער! מיין זיידע איז אויך געווען אַ גוטער שניידער. איך אַליין קען ניט.

ק אָ מ אַ נ ד י ר: ביזטו דאָך, הייסט עס, פון אַ פּראָלעטאַרישער פאַמיליע, מאַך איך דיך פאַר אַ קאָמיסאַר.

ש ו א ל: אוי־וואָ!

ל א ה: אַ בראָך!

מ ש ה: וואָס מיינט דאָס?

ק אָ מ אַ נ ד י ר: דו ביזט דער בעל הבית פון שטאָט. אַלע מוזען דיך פאָלגען. דו וועסט קאָנפיסקירען די פאַרמעגענס, אַרויסוואַרפען פון די דירות, פּראָלעטאַריזירען די אידען, איינפירען אַ נייעם פאַזשאַנדעק, טאָן אַלעס וואָס ס׳איז גוט פאַר׳ן פּראָלעטאַריאַט.

מ ש ה: (קוקט אַ פאַרוואונדערטער) פּראָלעטאַט!

ק אָ מ אַ נ ד י ר: אַלזאָ, וואָס וועסטו איצט טאָן?

מ ש ה: וואָס זאָל איך טאָן? וויי איז מיר.

ל א ה: אָך איז מיר!

ק אָ מ אַ נ ד י ר: דאָס ערשטע נעם צו די פאַרמעגענס פון די רייכע.

מ ש ה: וואו איז דען דאָ פאַרמעגענס? וואו איז דען דאָ פאַראַן רייכע?

ק אָ מ אַ נ ד י ר: ווער אין שטעטעל האָט אַ גרויסע דירה?

מ ש ה: פאַראַן איין איד וואָס האָט אַ גרויסע דירה — ר׳ שמריה. ער איז זעהר אַ פרומער איד.

ש ו א ל: אַ גרויסער למדן.

ל א ה: טאָג און נאַכט זיצט ער און לערענט תורה.

ק אָ מ אַ נ ד י ר (צו משה׳ן): גיי גלייך און וואַרף אים אַרויס פון דער דירה.

מ ש ה: וואָס רעדט עטץ? וואו איז יושר?

ק אָ מ אַ נ ד י ר: רעד ניט קיין קאָנטער־רעאָלוציאָנערע רייד. גיי אים שוין אַרויסוואַרפען ווען ניט שיק איך דיך אין סיביר. דאָ־סווידאַניאָ טאָוואַרישטש! (קאָמיסאר אָפּ).

א ל ע: דאָסווידאַניע! אַזאַ אומגליק!

מ ש ה (קוקט פאַרצווייפעלט אויף שואל׳ן און לאה׳ן): אוי דאָ־סווידאַניע! פראָלעטאַט! טאָוואַרישטש! אומגליק!

## 2 טע ביל ד

### ביי ר׳ שמריה׳ן אין הויז.

ר׳ ש מ ר י ה (זיצט און לערענט): תנו רבנן (שאָקעלט זיך שטאַרק)

מ ש ה (גנב׳עט זיך אַריין שטיל, ניט צו שטערען, הערט זיך אַיין צום ניגון און שאָקעלט זיך אויך): תנו רבנן! אוי וויי איז מיר! תנו רבנן...

ר׳ ש מ ר י ה (דערזעט פלוצלינג דעם שניידער) גוט וואָס דו ביזט דאָ, משה. די קנעפּלאַך פון דער קאַפּאָטע, וועלכע דו האָסט מיר צוגענייט, זיינען אַלע אַרונטערגעפאַלען. אַ שיינער בעל־מלאכה ביזטו.

מ ש ה: גיט אַהער די קאַפּאָטע וועל איך אינען —

(שמריה גיט אים)



מ ש ה (נעמט זיך נייען די קנעפּלאַך) צונייען קנעפּלאַך פאַר אַייך איז אַ כבוד. אַ גרויסער כבוד! אַיי בין איך אַייך מקנא!

ש מ ר י ה: מיט וואָס?

מ ש ה: מילא פון יענער וועלט איז דאָך אָפּגערעדט. דאָרט וועט עטץ זיך פילען ווי אַ קייזער. עטץ וועט רעדען מיט די מלאכים לשון קודש וועלען זיי אַלעס טאָן פאַר אינען, און דאָ איז אינען אויך גוט.

ש מ ר י ה: וואָס הייסט ס׳איז מיר גוט. וועלכען איד איז היינט גוט? (לערענט ווייטער) „תנו רבנן״...

מ ש ה: „תנו רבנן״... אינען איז גוט. עטץ זעצט זיך אַוועק לערנען תורה פאַרגעסט איר אָן אַלע צרות... „תנו רבנן״. לאָם איך וועלען דאָס לערנען קען איך דען? און ווי מעג איך דען אפילו זאָגען אַזעלכע הייליגע ווערטער, אַז איך בין געוואָרען אַ דאָסווידאַניע, אַ פראָלעטאַט, אַ קאָמיסאַר.

ש מ ר י ה: וואָס רעדט איר? ווען! וואָס?

מ ש ה: ערשט פריער האָט מיך דער רויטער קאָמאַנדיר געמאַכט פאַר אַ קאָמיסאַר און —

ש מ ר י ה: אַזוי! משה, אַ קאָמיסאַר! און איך גיב דיר צו נייען קנעפּלאַך?

מ ש ה: דאָס מאַכט ניט. ס׳איז ביי מיר אַ פאַרגעניגען צו נייען פאַר אינען קנעפּלאַך. ווען עך וואָלט אפילו געווען דער צאַר פון רוסלאַנד וואָלט איך געזעסען און גענייט פאַר אינען קאַפּאָטעס מיט שטריימלאַך. ווען מען וועט מיך פרעגען אויף יענער וועלט: וואָס האָסטו עפּעס געטאָן אויף דער וועלט, וועל איך זאָגען: אַז איך האָב גענייט קנעפּלאַך פאַר ר׳ שמריה׳ן.

ש מ ר י ה: איז וואָס־זשע וועט איר, פאַני קאָמיסאַר, עפּעס טאָן פאַר אידען?

מ ש ה: עך קען נאָך ניט וויסען, אָבער דערווייל האָט מיר דער קאָמאַנדיר באַפוילען אַייך אַ־אַרויסצוּוואַרפען פון דער דירה.

ש מ ר י ה: וואָס דו מיך? סמאַרק!

מ ש ה: איך מיין —

ש מ ר י ה: גראָבער יונג!

מ ש ה: איך...

ש מ ר י ה: שניידערוק!

מ ש ה: איך מיין, איך וויל ניט, איך —

ש מ ר י ה: דו, וואָס דו קענסט אַ קנעפּעל ניט ריכטיג צונייען ווע‍סט מיך אַרויסוואַרפען פון דער דירה? דו לאַטוטניק!

מ ש ה: איך בעט אייך, ר׳ שמריה, דאַרף אינען אַן אַנדערער אַרויסוואַרפען, לאָזט מיך אייך אַרויסוואַרפען! ווען ניט שיקט מיך דער קאָמאַנדיר קיין סיביר. לאָזט מעך אינען אַרויסוואַרפען! טוט מיר אַ טובה!

ש מ ר י ה: אַרויס פון מיין הויז!

מ ש ה: טוט מיר אַ טובה, לאָזט מעך אינען אַרויסוואַרפען. לאָזט מיך!

(שמריה וואַרפט אים אַרויס)

מ ש ה (ליגענדיג אויף דער אַנדערער זייט טיר) ער האָט גוט געטאָן וואָס ער האָט אַרויסגעוואָרפען אַ קאָמיסאַר! תנו רבנן.

(פאָרהאַנג)